שנה א׳ גליון י״ז
פרשת יתרו
תשפ״ד

גליון

# יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ׳ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

## לוח ההילולא

<u>כ"ד שבט</u>

הגאון רבי שאול הלוי מורטירא זצ"ל מאמסטערדאם

<u>כ"ה שבט</u>

הגאון רבי  מאיר פוזנער זצ"ל בעל בית מאיר

<u>כ"ו שבט</u>

הגה"ק רבי דוד הלוי סג"ל זצ"ל בעל הטו"ז

<u>כ"ז שבט</u>

הגאון רבי רבי אליעזר לעוו זצ"ל אבדק"ק סאנטוב

<u>כ"ח שבט</u>

הרה"ק רבי דוד יצחק ברומברג זצ"ל מפיטערקוב

<u>כ"ט שבט</u>

הגאון רבי אליהו בחור זצ"ל

<u>ל' שבט</u>

הרה"ק רבי ראובן הלוי הורוויץ זצ"ל בעל דודאים בשדה

## כ"ד שבט

### רבי שאול הלוי מורטירא זצ"ל אבדק"ק ספרדים אמסטערדאם

געבוירן אין יאר שנ"ו, אין שטאט ווענעציע – איטאליע, צו זיין פאטער רבי יוסף הלוי ז"ל, וואס האט געשטאמט פון אנוסים וואס האבן מצליח געווען צו אנטלויפן פון שפאניע קיין איטאליע. פון קינדווייז אן האט זיך שוין רבי שאול ארייגעווארפן אינעם ים התלמוד. ווען ער איז אלט געווען פופצן יאר האט ער גולה געווען למקום תורה, און געגאנגען לערנען אין שטאט ליווארנא ביי הגאון רבי אלי' מונטלטו זצ"ל. מיט זיין געוואלדיגע התמדה און מורא'דיגע כשרונות איז ער אויסגעשטיגן אלס גרויסע גאון און בקי בש"ס ופוסקים. ווען ער איז אלט געווען צוואנציג יאר האט ער זיך צוריק געקערט קיין ווענעציע, וואו ער האט ממשיך געווען צו לערנען בהתמדה רבה און זיך ממית געווען באהלה של תורה.

שפעטער איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין ק"ק בית יעקב לעדת הספרדים אין שטאט אמסטערדאם – האלאנד. אין יאר שצ"ז האט ער מייסד געווען א ישיבה גדולה כתר תורה, און אבית הכנסת "עץ חיים" וואו דארט האט ער מרביץ תורה געווען און אויפגעשטעלט אסאך תלמידים. אין יאר שצ"ט האט זיך די קהילה בית יעקב זיך פאראייניגט מיט די אנדערע צוויי ספרדישע קהילות אין שטאט קהילת נוה שלום און קהילת בית ישראל אינטערן נאמען נוה שלום, און זיי האבן אויפגענומען רבי שאול אלס רב. רבי שאול איז געווען נאנט בידדות מיט הגאון רבי מנשה בן ישראל זצ"ל (ראה אודותיו ביומא בהילולא גליון ז') אבער אין יאר תי"ב האט זיך געמאכט א מיספארשטענדעניש צווישען רבי שאול און רבי מנשה עד כדי מחלוקת, און א צייט שפעטער האבן זיי שלום געמאכט. רבי שאול איז נסתלק געווארן ביום כ"ד שבט שנת ת"כ, ומנו"כ באמסטערדאם. מח"ס גבעת שאול. (ראה יומא דנשמתה גליון תקנ"ז)

## כ"ה שבט

### הגאון רבי  מאיר מונק פוזנער זצ"ל בעל בית מאיר

געבוירן בערך שנת תפ"ח צו זיין פאטער רבי יהודה ליב ז"ל און צו זיין מוטער מרת גיטל ע"ה. ווען ער איז געווען גאר יונג האט ער חתונה געהאט מיט מרת מרים ע"ה בת רבי נטע גינצבורג ז"ל פון שטאט פוזנא. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין פוזנא. שפעטער נאך איר פטירה בשנת תק"י האט ער חתונה געהאט מיט מרת סעריל ע"ה בת רבי חיים ווינער ז"ל פון ליסא, ער האט זיך דאן אריבער געצויגן קיין ליסא, וואו ער איז פאר די פאלגנדע פערצן יאר געזעצן און געלערנט אין בית המדרש בדיבוק חברים, מיט זיינע חברים צווישן זיי האט זיך געציילט הגאון רבי מאיר ווייל זצ"ל (לימים ראב"ד בערלין) און הגאון רבי דוד טעבלי מליסא זצ"ל בעל נפש דוד.

בשנת תקכ"ג איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין מעזריטש. ווערנדיג דאן מפורסם אלס איינע פון די גדולי הדור, און מען האט אים אנגעפרעגט צו הערן זיין דעת תורה אין אלע ענינים. בשנת תקכ"ז האט ער צוליב א מלשינות געדארפט פארלאזן מעזריטש און איז נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט קעניגסבערג, פאר די קומעדיגע זיבעצן יאר איז ער געזעצן אויפן כס הרבנות אין קעניגסבערג. ובשנת תקמ"ב איז ער געווארן רב אין די קהילות דאנציג ושל"ו (-שאטלאנד, לאנגפור, וויינבערג) וואס איז געווען פאראייניגט אונטער זיין רבנות. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ה שבט שנת תקס"ז. ומנו"כ אין דאנציג. מח"ס בית מאיר על שו"ע וש"ס.

## כ"ו שבט

### הגה"ק רבי דוד הלוי סג"ל זצ"ל בעל הטורי זהב

געבוירן אין שטאט לודמיר [-וולאדמיר] אין וואהלין, צו זיין פאטער הגאון רבי שמואל זצ"ל. יונגערהייט האט מען אויף אים שוין דערקענט זיין גרויסקייט ווען ער האט שוין דאן גע'שמ'ט מיט זיין

אויסטערלישקייט. קודם האט ער געלערנט ביי זיין ברודער הגאון רבי יצחק זצ"ל (לימים אב"ד חלעמא). שפעטער איז ער געגאנגען לערנען ביים הגה"ק רבי יואל סירקש זצ"ל בעל הב"ח וואס איז דאן געווען רב אין שטאט מעזיבוש, דערנאך האט אים זיין רבי בוחר געווען פאר א חתן פאר זיין טאכטער רבקה ע"ה. נאך די חתונה האט דער טו"ז ממשיך געווען צו לערנען ביי זיין שווער דער ב"ח בדיבוק חברים אינאיינעם מיט זיינע ידידים הגאון רבי מנחם מענדל קראכמאל זצ"ל אב"ד ניקלשבורג והמדינה (ראה אודותיו ביומא בהילולא גליון י"ג) און הגאון רבי מנחם מענדל באס זצ"ל אב"ד פרנקפורט דמיין.

א צייט שפעטער האט זיך דער טו"ז אריבער געצויגן קיין קראקא און האט מייסד געווען א ישיבה, וואו ער האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים, בשנת שע"ח איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט פוטיליטשא (נעבן די שטאט ראווא - גאליציא) די שטאט איז געווען א קליין שטעטעלע מיט ארימע מענטשן און דער טו"ז האט דארט געלעבט מיט א געוואלדיגע דחקות אין עניות. דערנאך איז ער געווארן רב אין שטאט פוזען. בשנת ת"א איז דער טו"ז נתקבל געווארן אלס אב"ד אוסטראה דארט האט ער מייסד געווען א ישיבה גדולה וואו פון די נאנט און ווייט איז מען געקומען מקבל זיין תורה פון טו"ז.

אין די פינסטערע יארן פון שנת ת"ח ות"ט האט דער טו"ז מצליח געווען זיך צו באהאלטן אין א שלאס, נאך די מלחמה, האט ער געוואנדערט צווישן די שטעט, צווישן אנדערע געפינען מיר דעם טו"ז אין לובלין, אזוי אויך האט ער זיך אויפגעהאלטן עטליכע טעג ביים ש"ך אין שטאט העלישוי, און ער האט זיך מיט אים משתעשע געווען בדברי תורה, בשנת תי"ד איז דער טו"ז נתקבל געווארן אלס אב"ד לבוב חוץ לעיר.
נאך דעם וואס זיין ערשטע פרוי די טאכטער פון ב"ח איז נפטר געווארן האט ער חתונה געהאט בזיוו"ש מיט די אלמנה פון זיין שוואגער הגאון רבי שמואל צבי הירץ זצ"ל אב"ד פינטשוב (בן הב"ח).

דער טו"ז איז נסתלק געווארן ביום כ"ו שבט שנת תכ"ז, ומנו"כ אין לבוב. מח"ס טורי זהב על ד' חלקי שו"ע, וספר דברי דוד עה"ת. (ראה תולדות גדולי הוראה דף 75-87)

## כ"ז שבט

### הגאון רבי אליעזר לעוו זצ"ל אבדק"ק סאנטוב

געבוירן אין יאר תקי"ח אין וואודיסלאוו, פוילן, צו זיין פאטער הנגיד רבי ארי' לייב זצ"ל, בן הגאון רבי פנחס זעליג זצ"ל אב"ד לאסק, און צו זיין מוטער מרת לאה רייצא ע"ה, בת הנגיד רבי שמואל הכהן כ"ץ זצ"ל. שוין אלס פיצל קינד האט ער גע'שמ'ט מיט זיינע געוואלדיגע כשרונות און אויסטערלישע התמדה, ביי די בר מצוה האט ער שוין מסיים געווען גאנץ ש"ס, ובשנת תקל"ד אלט זייענדיג זעכצן יאר האט ער געקריגן סמיכה להוראה פון זיין זיידן דער לאסקער רב. ער האט חתונה געהאט מיט מרת יוטלה ע"ה טאכטער פון רבי יואל ז"ל. בשנת תקנ"ב נאך די פטירה פון זיין אשת נעורים, האט ער חתונה געהאט בזיוו"ש מיט מרת רבקה אסתר בת הגאון רבי אברהם יצחק הכהן זצ"ל אב"ד סטאבניץ. נאך די חתונה האט ער ווייטער געפילעוועט אין תורה ועבודה און זיך משלים געווען מיט זיינע לימודים מיט הרחבת הדעת, און איז שוין דעמלטס געווען אויסגערופן מיט זיין גרויסע עבודה.

אין שנת תקל"ה, זייענדיג בלויז זיבעצן יאר אלט איז ער נתקבל געווארן אלס דיין אין שטאט וואודיסלאוו, א יאר שפעטער איז ער אויפגענומען געווארן אלס ראב"ד אין שטאט. אין יאר תקל"ח איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין פיליץ אין קראקעווער קרייז אין פוילן, ווי ער האט משמש געווען ברבנות פאר די קומענדיגע צוואנציג יאר. אין שנת תקנ"ד האט אויסגעבראכן א גרויסע קריג אין פוילן, וואו דאס לאנד איז צעריסן געווארן אויף דריי חלקים, צווישען רוסלאנד, פרייסן און עסטרייך, די אידן האבן ווי פארשטענדליך אסאך געליטן צוליב די מלחמה איז ער דאן עפ"י עצת מחותנו הגה"ק רבי מרדכי בנעט זצ"ל זיך געצויגן קיין מדינת מעהרין, און האט דארט משמש געווען ברבנות אין די שטאט טריטש, בשנת תקע"ב איז ער געווארן רב אויף די קהילות ראנשבערג, פילזן, און גלאטוי, וואס איז געווען איין רבנות פאסטן.

אין שנת תק"פ האט ער צוליב א שריפה וואס האט אויסגעבראכן פארלאזט מעהרין און אין זומער שנת תקפ"א איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט מיקלאש אין אונגארן, ובשנת תק"ץ שוין זייענדיג צוויי און זיבעציג יאר איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט סאנטוב, ווערנדיג פארעכנט אלס איינער פון די גדולי הדור און פון די ראשי הלוחמים קעגן די משכילים. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ז שבט שנת תקצ"ז. ומנו"כ אין סטנטוב מח"ס שו"ת שמן רוקח, ועוד הרבה ספרים (ראה שנות דור ודור)

## כ"ח שבט

### הרה"ק רבי דוד יצחק ברומברג זצ"ל אב"ד פיטערקוב

געבוירן צו זיין פאטער רבי ראובן זצ"ל און געווען אן איידעם ביי הרה"ק בעל מאור ושמש זצ"ל. ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון רבי ישעי' מפשעדבוש זצ"ל, און ביי הרה"ק היהודי מפרשיסחא זצ"ל, און געווען א חבר נאמן פאר הרה"ק דער קאשניצער מגיד זצ"ל.

רבי דוד איז געווען א גאון מובהק, חריף עצום, וואס צוליב זיין חריפות איז ער גערופן געווארן "רבי דוד חריף" ער איז אויך געשטאנען בראש פון א ישיבה, צווישן זיינע תלמידים האט זיך געציילט זיך הרה"ק רבי העניך מאלכסנדר זצ"ל, הרה"ק התפארת שלמה מראדמאסק זצ"ל, הרה"ק רבי יעקב דוד מאמשינאוו זצ"ל און הרה"ק רבי יעקב מוויאמא זצ"ל. קודם האט ער משמש געווען ברבנות אין שטאט טשענסטחוב און דערנאך אין פיטערקוב.

סוף ימיו האט ער זיך געצויגן קיין אויאוד. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ח שבט שנת תקפ"ז. מח"ס חידושי הרד"ח על הש"ס, בית דוד עה"ת ופלפול.

## כ"ט שבט

### הגאון רבי אליהו בחור אשכנזי זצ"ל בעל התשבי

געבוירן רכ"ח [אדער רכ"ט] אין שטאט נייַשאדט אין מדינת בייערן צו זיין פאטער רבי אשר הלוי זצ"ל, שפעטער איז ער געפארן זיך באזעצן אין איטאליע אין שטאט פאדווא, אין פאדווא איז ער געווען א לערנער אין בית המדרש הגדול אין פאדווא אויף חכמת הדקדוק.

בשנת רס"ט ווען די שטאט פאדוא איז חרוב געווארן דורך פיינטליכע מיליטער איז ער אינאיינעם מיט אלע אנדערע אידן פון שטאט אנטלאפן קיין ווענעציע, פון דארט איז ער געגאנגען קיין רוים, דארט אין רוים האט ער זיך באפריינדעט מיט א גלח מיטן נאמען איגידאו"ס פון שטאט וויטירבא וואס האט אים אויסגעלערנט די גריכישע שפראך און נאך אסאך חכמות, און רבי אלי' האט מיט אים געלערנט תורה און לשה"ק.

אין שנת רפ"ה ווען עס איז אין רוים געווען אסאך מהומות איז ער אנטלאפען קיין ווענעציא. דארט אין ווענעציא איז רבי אלי' גוט געווארן מיטן גרויסן שר געאר"ג ד"ע סעלווז"א וואס איז געווען די פראנצויזישער אמבאסאדאר אין איטאליע.

רבי אלי' איז געווען א קלוגער און געלערנטער מאן, וואס האט מחבר געווען ספרים בחכמת הלשון, אבער די חכמי ישראל האבן אויף אים געהאט שטארקע טענות, צוליב דעם וואס ער האט געלערנט תורה און קבלה מיט גלחים און שמייליגע גוים.

ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ט שבט שנת ש"ט. ער האט מחבר געווען די פאלגענדע ספרים אויף חכמת הדקדוק והלשון והטעמים והמסורה: ספר ההרכבה, ספר הבחור, פרקי אלי', טוב טעם, מסורת המסורת, המתורגמן, תשבי, הזכרנות, ועוד. אזוי אויך האט ער איבערגעטייטשט עטליכע ספרים אויף נישט אידישע שפראכן. ער האט אויך מחבר געווען א מעשה ביכל אויף אידיש - דייטש מיטן נאמען "באבא בוך" דארט ווערט געשילדערט די לעבן פון פרינץ בובאבא דאנטונא אויף זיין מציבה איז נחרת "הלא אבן מקיר תזעק, ותהמה לכל עובר, עלי רבן אשר נלקח, ועלה לשמים אליהו בסערה, הלא הוא אשר האיר בדקדוק אפלתו, ושם אותו לאורו, שנת ש"ט שבט עלה בסופו", ע"כ. (ראה בספר תולדות אליהו התשבי החכם המדקדק הגדול ר' אליהו בחור)

## ל' שבט

### הרה"ק רבי ראובן הלוי הורוויץ זצ"ל בעל דודאים בשדה

געבוירן בערך שנת תקי"ד, אין שטאט לאסק - פוילן צו זיין פאטער הגאון רבי יעקב חיים זצ"ל (שפעטער האט ער משמש געווארן ברבנות אין שטאט נאוופולי). און צו זיין מוטער בת הנגיד רבי נחום מלאסק ז"ל. נאך די בר מצוה איז ער געגאנגען לערנען אין שטאט אלטונא ביים רבי'ן רבי יהונתן אייבשיץ זצ"ל. אבער נאך א קורצע תקופה איז דער רבי רבי יהונתן נסתלק געווארן בשנת תקכ"ד. איז ער געגאנגען לערנען ביים רבי'ן רבי שמעלקא מניקלשבורג זצ"ל וואס איז דאן געווען רב אין שינאווא.

נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין שטאט ניקלשבורג, און דארט האט ער ממשיך געווען זיך מסתופף צו זיין בצ"ק פון רבו דער רבי ר' שמעלקא, וואס האט שוין דאן געוואוינט אין ניקלשבורג.

נאכן הסתלקות פון רבו הרה"ק רבי ר' שמעלקא זצ"ל האט ער אנגעהויבן זיך מסתופף צו זיין בצ"ק פון הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זצ"ל, איינמאל ווען ער האט זיך געזעגנט פון רבי ר' אלימלך האט אים רבי ר' אלימלך געקושט אויפן האנט, האט ער אים געפרעגט "רבי וואס האט איר געטאן"? האט אים רבי אלימלך געענטפערט "מיר האבן געזען אויף אייער האנט א פייער'דיגע שם הוי"ה, האבן מיר עס געקושט".

נאכן הסתלקות פון רבי ר' אלימלך האט ער ממשיך געווען זיך מסתופף צו זיין באהלי הצדיקים און האט באקומען א זעלטענע חיבה יתירה פון ש"ב הרה"ק דער חוזה מלובלין זצ"ל, וואס האט זיך אויסגעדריקט אויף אים אז "ער איז פון די ל"ו צדיקים פון דור".

נאך זייענדיג אין א יונגע עלטער איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט גוטאן, אבער ער האט פון דארט געדארפט אנטלויפן. שפעטער איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט זארנאוויצא. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ט שבט שנת תקפ"ח. ומנו"כ אין זארנאוויצא. מח"ס דודאים בשדה עה"ת ומעודים. (ראה בקונטרס יחי ראובן)

**זכות פרנס הגליון**
**נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו**
לע"נ רבינו דוד הלוי
בן הגאון ר' שמואל זצ"ל
בעל הטו"ז
נלב"ע ביום כ"ו שבט שנת תכ"ז לפ"ק

**זכות פרנס הגליון**
נתנדב ע"י מו"ה ר' קלונימוס קלמן קלאגסבאלד ני"ו
לרגל שמחת הולדות בנו כמר שמוא-ל יוסף ני"ו למזל"ט

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com

גליון

# יומא בהילולא